# "דער אמת'ר איד"

ב"ה ברוקלין נוא יארק — ערשטע יאר — פרשת פנחס # 4 — תמוז שנת תשמ"ג לפ"ק

**נתייסד על ידי "התאחדות הקהילות דארצות הברית וקנדה"**

*משה יעקב ווייס רעדאקטער*

*הרב אנשיל יאקאבאוויטש ארגאניזאטער*

*ספעציעל צום "אמת'ר איד" פון שמעון גרינבוים*

## דער איד שרייט געוואלד! מיר זענען נישט קיין צדוקים! אמת, אמת, אמת! אנטשולדיגונג אויף דעם וואס מיר האבען אנגערופן די סאטמארער "צדוקים"

אזוי ווי אין דעם פינסטערן פאשקוויל וואס איז מבזה רבנים ותלמידיהון און ער איז מקיים א גאנץ יאר דעם "ונהפוך הוא" מיט דעם וואס ער איז "א גוי" און ער רופט זיך אהן "דער איד" האט איינער אן "עם הארץ" וואס איז נישט אמאל נישט ראוי און ווערט זיך אנצורופן "אחד הצדוקים" דער ווייל רופט ער זיך גאר אהן בשמו הראוי לו "אחד הרע-בנים"[1] רע לשמים ורע לבריות. וואס ער האט שוין מבזה געווען פאר צוויי וואכען צוריק דעם ראש הרבנים דעם הייליגען "בית אב" און דעם גאון הגאונים דעם "תיו יהושע". ער האט גערעדט אויף שוכני עפר, וואס כידוע אין עכטן שולחן ערוך (נישט אין צדוק'ישן טמא'נעם בוך) שטייט, אז עס איז דא א "חרם הקדמונים[2]" צו רעדען אויף שוכני עפר.

אבער עס איז אונטער אונזער כבוד זיך באפאסען מיט אזא שמוץ און שונד בלעטל וואס כמוהו לא נהייתה.

פון רוצחים מאכט ער רבנים.
פון עמי הארצים מאכט ער רעבעס ואדמורי"ם.
פון סתם שמוציגע פאליטיק מאכט ער אן הלכה.
פון א הלכה קבועה אין הייליגען שולחן ערוך מאכט ער א פאליטיק.
פון רבנים וצדיקים גדולים מאכט ער חנוך.

**א ברכה בשם ומלכות** (על פי שלחן ערוך) זיין קרייז לייענער ווערט שוין ממילא ווייניגער פון וואך צו וואך. מען וועט שוין בקרוב קענען מאכען די ברכה בשם ומלכות "ברוך שעקר עבודה זרה מארצנו". אבער על האחרון אנו באים האט ער מאריך געווען בדברי הבל ושטות, און זיך פארענטפערט אז זיי זענען נישט קיין צדוקים. אויף דעם איינעם פרט מוזען מיר לײדער מודה זיין. טעינו, מיר האבען זיך טועה געווען, און מיר בעטען אנטשולדיקונג וואס מיר האבען זיי אנגערופן צדוקים.

ווייל זיי זענען נישט קיין צדוקים, נאר טריזוענט מאל ערגער. דאס ווארט צדוקים איז פאר זיי גאר א טיטול.

אבער ח"ו נישט פון די כת שקרנים וחנפים בעטן מיר אנטשולדיקונג, נאר לײדער עס איז א בזיון פאר די אמאליקע צדוקים אז מען רופט אהן די רשעים ארורים ושקרנים בשם צדוקים...

### א. דער גרויסער חילוק פון די אמאליקע צדוקים ביז די היינטיגע צדוקים טמאים, וואס זענען רשעים ארורים ימ"ש כלשון הרמב"ן ז"ל[3]

די צדוקים האבן מחמיר געווען אין א סאך זאכען מער וויא די חכמים להבדיל. נישט וויא די שקרנים שרייבען אז די צדוקים זענען געווען קלים. די משנה זאגט בפירוש אז די צדוקים האבען געהאלטען אז די פרה אדומה פון די וואכענדיגע סדרה האט געדארפט געמאכט ווערן מיט א כהן וואס האט געהאט "הערב שמש" דאס הייסט עכט טהור ווייל עס שטייט "ואסף איש טהור", זענען געקומען די הייליגע חכמים און האבען ספעציעל מטמא געווען הכהן השורף את הפרה "להוציא מלבן של צדוקים"[4].

### ב. כדי לבטל אלו הזדים שמורים מהעולה על רוחם לא מן הקבלה[5]

די אמאליגע צדוקים האבען מחמיר געווען נישט צושניידען דעם עומר שבת נאר זונטאג. האבען די חכמים דוקא געשניטען דעם עומר שבת בקול רעש גדול און געשריגען דריי מאל "שבת היום" און געשריגען "אקצור" "להוציא מלבם של צדוקים".

### ג. טשאלענט:

די צדוקים האבען מחמיר געווען נישט צו עסן ווארעמס "טשאלענט" ווייל עס שטייט "לא תבערו אש". זענען געקומען די הייליגע חכמים און געזאגט "וכל המינים כרגע יאבדו", ווער עס עסט נישט חמין טשאלענט בשבת איז א מין.

### ד. תפילין

די צדוקים האבען מחמיר געווען מקיים זיין דעם פסוק "בין עיניך" צו לייגען די תפילין ממש בין עיניהם. זענען געקומען די הייליגע חכמים און געזאגט ווער עס לייגט אביסעל אראפצו פון קאפ איז א צדוקי.

---

1) דער מנשה וואס די משנה זאגט אויף איהם אין לו חלק לעולם הבא (סנהדרין פרקי משנה ב'). דער זייפען הידוע וואס האט שוין מזייף געווען און מבזה געווען די גרעסטע גדולי ישראל בדורינו ומדור העבר עד שהמע"ה, ובפרט וואס ער איז מוציא לעז אויף רביה"ק והטהור זי"ע צוליב די 400 אלפים וואס ער האט באקומען (זעה דאקומענטן). אויף איהם זאגט דער הייליגער ספר חסידים סימן קל"ו – וז"ל: שם רשעים ירקב (משלי י, ז) אלו הסופרים המוסיפים תיבות או מחסרים תיבות, ומכונים לרמוז שמם בראשי שיטות, וכי בשביל שמם הנמאס יחסרו תיבות או יוסיפו או יהפכו, עליהם נאמר (תהלים ט, ו) שמם מחית לעולם ועד.

2) זעה ווייטער אלע הלכות חרם וואס איז נוגע בזמנינו.

3) זעה אויך ספר הקדוש ויואל משה החדש, וואו ער איז מבאר און ברענגט אראפ די מאמרי חז"ל, כדי צו פארשטיין וואס פאר א מיני צדוקים אונזערע היינטיגע רביס ורבנים זענען.

4) ווי דער לשון הרמב"ם אין הלכות פרה אדומה פרק א: א) כל העוסקין בפרה מתחלה ועד סוף שהיו טבולי יום, כשרים למעשה הפרה ולקדש ולהזות מאפרה, ואף על פי שעדיין לא העריב שמשן. שזה שנאמר בכל הפרשה איש טהור, הוא הטהור למעשר שני, אף על פי שאינו טהור לתרומה עד שיעריב שמשו, הרי זה טהור לפרה. ב) הצדוקים היו אומרים שאין מעשה פרה כשר אלא במעורבי שמש. לפיכך היו בית דין בבית שני מטמאין את הכהן השורף את הפרה בשרץ וכיוצא בו, וטובל ואחר כך עוסק בה, כדי לבטל דברי אלו הזדים שמורים מהעולה על רוחם, לא מן הקבלה. וכן כל הכלים שמכניסין לתוכן אפר הפרה, כולם טבולי יום.

### להוציא מלבם של צדוקים!

ונעתיק כמה מאמרי חז"ל בענין הצדוקים האפיקורסים ימ"ש:

א. יומא נג א'.: תנו רבנן ונתן את הקטרת על האש לפני ה' שלא יתקן מבחוץ ויכניס **להוציא מלבן של צדוקין שאומרים יתקן מבחוץ ויכניס.**

ב. חגיגה טז ב': דתנו רבנן אמר רבי יהודה בן טבאי אראה בנחמה אם לא הרגתי עד זומם להוציא מלבן של צדוקין שהיו אומרים אין עדים זוממין נהרגין עד שיהרג.

ג. חגיגה כג א.: בשלמא לרבי יהושע היינו דאיכא היכירא לצדוקין דתנן מטמאין היו את הכהן השורף את הפרה להוציא מלבן של צדוקין שהיו אומרים במעורבי שמש היתה נעשית אלא לרבי אליעזר אי אמרת בשלמא בעלמא בעינן הערב שמש היינו דאיכא היכירא לצדוקין אלא אי אמרת בעלמא לא בעינן הערב שמש מאי היכירא לצדוקין איכא.

ד. זבחים כא א.: דתנן מטמאין היו הכהן השורף את הפרה ומטבילין אותו להוציא מלבן של צדוקין שהיו אומרים במעורבי שמש היתה נעשית שמע מינה לא פסלה בה (מחשבת) טומאה שאני פרה הואיל דטבול יום לא פסיל בה.

ה. ברש"י סוכה כא א: ומביאין נשים עוברות כו' - משום ההיא דתנן (פרה פרק שלישי משנה ז) מטמאין היו את הכהן השורף את הפרה ומטבילין אותו מיד, להוציא מלבן של צדוקין, שהיו אומרים במעורבי השמש היתה נעשית, וכיון דטבול יום כשר בפרה עשו בה מעלות הרבה כדי שלא יזלזלו בה,

ו. ועיין נועם אלימלך פרשת חקת על הפסוק ויקחו אליך מה שכתוב בענין הצדוקים.

5) זעה הערה דעם לשון פון רמב"ם, # 4, הלכה ב'.

## ה. די היינטיגע צדוקים הייסען מאכען ברכות לבטלות

די משנה זאגט אין סוף מסכת ידים אז די אמאליגע צדוקים האבען מחמיר געווען אויפן כבוד פון "באשעפערס נאמען" קובל אני עליך צדוקי גלילי שאתה כותב את השם עם פרעה בדף, וכשלקה הוא אומר השם הצדיק. אבער לאפוקי די היינטיגע צדוקים רשעים האבען מכשיל געווען זייערע נאכשלעפער מיט מאכען "ברכות לבטלות" פאר פאליטיק להוציא מן לבן של צדיקי וגדולי הדור שמקיימים תורת משה רבינו עליו השלום וחז"ל.

## ו. צדוקים בעלי תאוות ימ"ש – נאכלויפען און שלאגען פרויען מיט קליינע פיצלעך קינדער

די אמאליגע צדוקים האבען נישט דערוואגט נאכצושרייען פרויען בתולות אויף די גאס, אבער די היינטיגע פינסטערע צדוקים בעלי תאוות ימ"ש שרייען נאך פרויען אויף די גאס כאחד הריקים, און אלץ מכלומר'שט זיך אנצונעמען פאר'ן רבינ'ס זי"ע כבוד, און מבזה זיין דערמיט די הייליגע תורה.

זייט די מדינה הציונית שטייט איז נאך ביי די ציוניסטישע אפיקורסים נאך אזאנס נישט געווען, מען זאל נאך לויפען פרויען מיט מיידלעך און זיי נאך שרייען און שלאגען, אלס בלויז ווייל זיי פאלגען אויס דעם דעת תורה פון זייערע-אונזערע רבנים צדיקים קדושים וטהורים די גרעסטע גדולים פון אונזער דור. - דאס איינציגע מאל וואס די ציונים זענען נאך געלאפען מיידלעך איז געווען מיט 45 יאר צוריק ביי גיוס בנות!

יא רבותי האלט קאפ! עס גייט פאר א גרויסער פארמעסט פון סאטמערע צדוקים – מיט די ציונים!

שטעלט אייך פאר ווער האט געווינען דעם באל פארמעסט?

### פארמעסט ציונים – סאטמער # 1

יא סאטמער איז גרויס, מלכות סאטמער האט געווינען דעם פארמעסט 5 – אקעגען 1. דאס מיינט די ציונים זענען בלויז איינמאל נאך געלאפען די מיידלעך, ביי גיוס בנות. סאטמער 5 מאל, איז דאס נישט שיין? – מען זעהט אפען, יעדער איז מודה, מלכות סאטמער שטייט איבער אלעס!

### פארמעסט ציונים – סאטמער # 2

נאך דעם היסטארישען פארמעסט, מיט א באגלייטונג פון הונדערטער פאליס, וואס איז געווען פאבליצירט אין אלע צייטונגען וואס איז געווען א געוואלדיגער קידוש השם וואס פון אדם הראשון ביז יעצט איז נאך אזא היסטארישער קידוש השם נישט געווען, אז מלכות סאטמער זאל זיין אזוי שטארק מעכטיג אפילו א קעגען די גרעסטע שטארקסטע אפיקורסים פון די ציוניסטישע מדינה, האט זיך דער גרויסע סאטמערער בער זיך פארמאסטען! און זיי האבען געווינען דעם באל # 1-5, האט זיך זיי אנגעגליסט אויב מיר קענען טאקע? לאזען מיר שפילען נאך א מאל, און ווייזען פאר די גאנצע וועלט, אז מיר וועלען זיי געוואונען א צווייטע מאל ביים <u>ציונים - סאטמער פארמעסט!</u>

### פארמעסט ציונים - סאטמער # 2

מען האט געמאכט איבונגען פון פסח ביז שבועות, מען האט גענומען אברכים מיט בחורים פון זאליס קווינסער ישיבה, אויך האט מען מחנך געווען קינדער פון די תלמוד תורה, די איבונגען זענען איבערגע'חזר'ט געווארען עטליכע מאל. מען האט גענומען גדולי הרבנים זיי זאלען געבען א בוסט פאר די אלע אלקיידאניקעס וואס וועלען זיין די הויפט שפילערס, אז למען השם דער צווייטער פארמעסט זאל געלונגען אויף 100 פראצענט. [זיי האבען זיך דאס געלערנט פון די אל קיידאניקעס, ווי אזוי מען דארף דארשענען אין זייערע תפלות, כדי צו געבען גיבען כוח און קוראש פאר די מאבדים עצמם לדעת, - די מערכה איז געלונגען].

ענדלעך די החלטה איז געווארען אז מען וועט מאכען נישט נאר גיוס בנות נאר אויך גיוס נשים. מען האט געגרופען די טיטשער וויבער מיט מיידלעך אויף אן א מערדזשענסי מיטינג. מען האט זיי געצווינגען אונטערצושרייבען א קאנטראקט א קעגען שמירת שבת ועקירת הדת, אז וועלעכע טיטשערקע וועט אויס פאלגען דעם פסק פון די רבנים יראי ה' פוסקי דורינו און וועט האלטען שבת כהלכה און וועט טראגען מיט א כשר'ן עירוב, וועט ווערען אטאמאטיש ארויס געווארפען פון סאטמערער סקול.

פַּתְשֶׁגֶן הַכְּתָב לְהִנָּתֵן דָּת בְּכָל מְדִינָה וּמְדִינָה גָּלוּי לְכָל הָעַמִּים לִהְיוֹת עֲתִדִים לַיּוֹם הַזֶּה. הָרָצִים יָצְאוּ דְחוּפִים[6] בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ וְהַדָּת נִתְּנָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה [וויליאמסבורג] וְהַמֶּלֶךְ [מלכות סאטמער - וְהָמָן יָשְׁבוּ לִשְׁתּוֹת וְהָעִיר שׁוּשָׁן [וויליאמסבורג] נָבוֹכָה (מגילת אסתר יג, יד, טו,). מיט דעם האבען מלכות סאטמער געוואונען דעם פארמעסט ציונים - סאטמער # 2.

### עולם הפוך ראיתי

ווי צו אזא כבוד, דאס איז דאך פאר'ן רבי'ן זי"ע די גרעסטע בזיון אז אזוי זעען אויס זיינע יונגעלייט וואס שרייען נאך פרויען און צוברעכען דאס גאנצע קדושת ישראל. עס איז גורם א חילול השם צווישען גויים און אויך צווישען אידען וואס זאגן ח"ו אז די גאנצע שיטה האט אזא פנים, אז דער גאנצער שו"ע האט אזא פנים. נו וואס פאר א פנים קען שוין האבען די שיטה, אז אלעס באשטייט נאר פון "אני ואפסי" בחינת עמלק. ווער עס זאגט אנדערש וויא איך מיט מיין רב דער עם הארץ, דער בור, ריק, בעל מחלוקת, צדוקי, דעם דארף מען נאכשרייען און באליידיגען.

### כפוי טובה

וויא שעמט זיך נישט איינער וואס איז געווארן מכלומר'שט א רב דורך מחלוקת און ער שטייט נאך אויף איין פיס און בועט געווען און כפוי טובה (ראה רש"י פרשת כי תבא) געווען אויף די אלע וואס האבען איהם גרויס געמאכט, און די גאנצע זאך וואס ער האט פארקויפט איז מכלומר'שט "נועם המדות" זאל אזא איינער אנמאכען אזא חורבן צווישען אידען, בפרט אין וויליאמסבורג, אז א קומץ קטן ליידיק גייערס פיסטע שטריקס פון זיינע תלמידים און חסידים זאלען מבזה זיין אלע רבנים זקנים און אלע קהילות אין וויליאמסבורג, ווי: פאפא, צעלעם, ווין, באיאן, בעלז, קלויזענבורג, סקווירא, וויזניץ ב"ב, און דאס אלעס ווערט געטון מיט זיין פולע הסכמה.

[והנה נבאר קצת מה שכתוב בפרשת כי תבא עה"פ "ובאת אל הכהן אשר יהי' בימים ההם ואמרת אליו", פירש רש"י: **שאינך כפוי טובה**. וכן איתא בירושלמי ברכות (דף ט') שהיה פרעה כפוי טובה, "אשר לא ידע את יוסף", והלא עד היום הזה מצרים יודעין חסדו של יוסף, אלא שהיה יודע וכפה טובתו, ולבסוף כפה טובתו של הקב"ה, <u>הא למדת שכפיית הטובה הוקשה לכפירה בעיקר</u>, עיי"ש. וכן מובא במכילתא בשלח (י"ז) וזת"ד, <u>יבוא עמלק כפוי טובה, ויפרע מן העם כפוי טובה</u> (ועיין עוד ע"ז דף ה' ע"א). ובאבות דר' נתן (פמ"א) אם עשה לך חברך טובה מעט יהא בעיניך הרבה. ובתנא דבי אליהו רבא (י"ח) איתא, כל הסועד עם חבירו אפילו פת במלח, יחזיק טובה לחבירו.

ועפי"ז פירשו המפרשים את הפסוק כמעשה ארץ מצרים לא תעשו, שהם היו כפויי טובה, כמעשיהם לא תעשו, רק תחזיקו תודה למי שגמל לכם טובה[7].

---

6) זעה מדרש (פנים אחרים נוסך א' פרק א') וז"ל: הרצים יצאו דחופים. א"ר חנין מאן דאמר הקב"ה וותרן יוותרון בני מיעיה אלא מאריך רוחיה וגבי דיליה.

7) וראה מה שכתב הפלא יועץ, מ"ש בענין כפיית טובה והכרת טובה, וזה לשונו: (באות כ' ערך כפוי טובה): "כתיב (משלי יז, יג) משיב רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו. וחיובא רמיא על האדם שקיבל כל דהוא טובה מחבירו שתהא חקוקה בלבו תמיד כל הימים, שלא לגמול עמו שום רעה, ולשלם לעושה הטובה ככל הבא מידו. אפילו אם עשה לו גם כן רעה, הרעה ישכח והטובה לא ישכח, כי צריך האדם שיהא בו מדעת קונו, וכתיב (ישעי' מט, טו) גם אלה תשכחנה, שהוא מעשה העגל, ואנכי לא אשכחך, שהוא קבלת התורה. וצא ולמד ממשה רבינו שלא הכה את היאור ואת העפר לפי שקבל טובה מהם, וכן אמרו רז"ל שלא נקם משה נקמת מדין לפי שנתגדל ביניהם, ואמרו רז"ל בשמות רבה (פ"ד, ב) כל הפותח פתח לחבירו חייב בכבודו יותר מאביו ואמו. אתה מוצא באליהו שלא החיה אבותיו כמו שהחיה את בן הצרפית, ואלישע לא החיה אבותיו כמו שהחיה את בן השונמית, אלא שמסר נפשו על אכסניא שלו. ואם כ"כ חייב להחזיק טובה לחבירו על פת לחם, על אחת כמה וכמה אם קבל ממנו טובה הרבה, ועל אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכופלת אם קבל ממנו טובת הנפש, כגון שלמדו חכמה, או הדריכו בדרך טובה, והפרישו מדרך רעה, שזו טובה גדולה שאין למעלה הימנה, כמה וכמה יגדל חובתו להכיר טובתו ולנהוג בו כבוד, ואם לא ינהג בו כבוד כראוי אין

## אזא גרויסער שטריק, ווערט אנגערופען בשם צדוקי?

דער שטריק האט געהאט א חוצפה ארויסצוווארפן קינדער פון די חדרים און מיידלעך פון די מוסדות וואס ער האט גע'גנב'עט פון זיין עלטערען ברודער. ווייסט ער דען נישט אז אית דין ואית דיין? זיין גאנצע רבנות וועט צעגיין כחלום יעוף, און ער וועט בלייבען לחרפה ולדראון עולם נישט צו גאט און נישט צו לייט.

עס איז באוואוסט אז ווען ר' חיים אליעזער גראס מיט זיין טאטען ר' יוסף ישועה גראס זענען אריין געגאנגען צו כ"ק אדמו"ר שליט"א און האבען געשריגען געוואלד! עס ברענט א פייער, מען זאל אויפהערען מיט די מלחמת אחים, מען זאל אלעס געבען דעם בכור, און דער זאלי זאל טאקע זיין רב אבער נישט הויפט רב, נאר ער זאל זיין אונטער איהם. האט זיך אנגערופען כ"ק אדמו"ר שליט"א, אז ער האט מורה אז טאמער וועט ער פאר זאלין נישט געבען דאס רבנות אין וויליאמסבורג וועט ער זיך שמד'ן ח"ו, אזוי זיין אייגענער ברידער האט זיך גע'שמד! [דאס אלעס קען מען הערען אויף טעיפס].

## אפענע רוח הקודש ביים רבין שליט"א

יא אמת! דער רבי האט טאקע אפענע אויגען, אבער ער האט נישט געזעהן געננג ווייט, ווייל נישט נאר ער וועט זיך שמד'ן, יעצט האלט ער שוין ביים אויסשמד'ן גאנץ מלכות סאטמער מיט איין שאס.

זיין אייגענער טאטע האט דאך געהאלטן פון עירוב אזוי וויא עס איז דא אויף די טעיפס. **עס איז גאר א בזיון פאר די צדוקים אז אזא שטריק ווערט אנגערופען בשם "צדוקי", ער איז דאך טויזענט מאל ערגער.** מיר האפען אז בקרוב וועלען מיר ממילא פטור ווערען פון איהם און כת דילי'.

די עוכרי ישראל וואס האבען יעצט ביי די פרשה פון עירוב ארויסגעוויזען זייער פינסטער פנים פון נאכשרייען מענער און פרויען, די וואס האבען נאך פוסח געווען אויף שתי הסעיפים און געמיינט אז ער איז א ארענטליכער מענטש, על כל פנים איז יעצט קלאר געווארען ווער ער איז, מיט מדות מגונות און גרועות מאוד, צו הייסען אומשולדיגע יונגלעך נאכשרייען מענער און פרויען אויף די גאסען. שעמען מעג ער זיך. עס וועט איהם אלעס אהיימקומען. אבער דעמאלס וועט שוין זיין צו שפעט.

## מיתות משונות אין פראג

עס איז ידוע אז עס איז געווען א מחלוקת אין פראג וועגען עפעס א הלכה, און א קומץ קטן האט געהייסען זייערע קינדער נאכשרייען נאך די וואס האבען זיך געפירט אנדערש וויא זיי. (אליין האבען זיי זיך געשעמט צו שרייען), אבער זייערע קינדער האבען זיי געהייסען נאך שרייען.

## דער ביטערער עונש קומט

15 יאר שפעטער איז דער ביטערער עונש געקומען[8] ר"ל, אז די אלע קינדער וואס האבען אפילו איינמאל נאכגעשריגען, האבען נישט געהאט די זכיה אז זייערע עלטערען זאלען זיי פירן אונטער די חופה. נאר ביי יעדען איז געשטארבען אדער דער טאטע אדער די מאמע ר"ל. עטליכע מיט מיתות משונות וואס זייערע ביינער האבען זיך געוואלגערט כדומן על פני השדה ר"ל. און דעמאלס האט מען געזאגט "מי יגלה עפר מעיניהם, יענע חברה וואס האבען נעבעך געהייסען נאכשרייען וואס זיי זענען שוין לאנג אין די ערד ר"ל". ורשעים הללו לא לקחו מוסר.

היטס ענקערע אומשולדיגע קינדערלעך אז איר ווילט נישט זיי זאלען ח"ו בלייבען יתומים און איר וועט זיי ח"ו נישט פירן אונטער דער חופה. ווארנט זיי, אז זיי זאלען ח"ו קיינעם נישט מבזה זיין און נישט נאכשרייען, און זיי זאלען זאגען פאר זייערע מנהלים "אונדז זענען מיר נישט ענקערע שטעקענס פאר ענקער שמוציג פאליטיק. אונדז זענען מיר אומשולדיגע שעפעלעך וואס מיר ווילן אויפוואקסען נארמאלע ערליכע אידען, אזוי וויא די רבנים המתירים את העירוב. וואס

---

לך כפוי טובה גדול מזה. וישא ביום ההוא ק"ז בעצמו כמה וכמה חייב אדם לבורא המרבה להטיב רב טוב לבית ישראל עד אין חקר, כך גדלה חובותינו עד אין חקר", עכ"ל.

8) הקב"ה באצאלט "מדה כנגד מדה". ווער געדענקט נישט די מעשה ווען הגה"צ רבי ישראל חיים מנשה פרידמאן דומ"ץ קהלתנו, פאר כל נדרי מיט די ספר תורה אין די האנט האט אים דער סאטמערער רבי שליט"א געזאגט ער זאל אויסרופען אז די בהמה פלייש מיט די חֵלֶב איז כשר און יעדער מעג דאס עסען בלי חשש ופקפוק כלל, יאכלו ענווים וישבעו. רבי חמ"פ האט בשום אופן נישט געוואלט אויסרופען ווייל ער האט געוואוסט דעם אמת, אבער דער רבי האט איהם געצוואונגען (איך הייס דיר שוין אויסרופען), און ער האט נישט געהאט קיין ברירה און האט טאקע אויסגערופען! [ווער האט דען נישט געהערט די 3 שעות'דיגע טעיפ פון התאחדות הרבנים, ווי עס איז נתגלה געווארען במעמד 70 רבנים אז מען האט געגעסען חֵלֶב מיט סירכות אלע יארען. אבער אינטערעסאנטער ווי אלעס איז, וואס מען הערט דארט ווי איצו גליק ענדיגט די אסיפה, וזה לשונו: מיר גייען מפרסם זיין אז אלעס איז אין ארדענונג, אלעס איז געווען כשר וישר, אונזער פלייש איז ב"ה מיט אלע הידורים, נאר אזוי ווי עס איז דא מכשולות אין געוויסע אנדערע בוטשער סטארס, אשר על כן האט מען געמאכט א **בית דין מיוחד** וואס וועלען געבען א השגחה אויף 16 בוטשערס (דאס מיינט: מיר האבען א פרישען קוואל ווי צו מאכען געלט), די דריי רבנים הגאונים זענען נעבעך באותה שנה נסתלק געווארען].

מה עשה הקב"ה, מיט דריי יאר צוריק אין הייליגען יום טוב שבועות במעמד קבלת התורה, האט זיך די תורה הקדושה אנגענומען, און אן אייניקעל מיט אן אור אייניקעל פון כ"ק אדמו"ר שליט"א זענען פארברענט געווארען רח"ל. (איינער פון די גרויסע צדיקים פון וויליאמסבורג ווען מען האט איהם שבועות פארציילט די מעשה נוראה וואס ס'האט פאסירט, האט ער זיך אין די מינוט אנגערופען, די תורה הקדושה האט זיך אנגענומען פאר זיך, איך ווארט שוין 18 יאר צו זעהן וואס הקב"ה וועט טוהן?

די חסידים פון דעם צדיק האבען זיך געוואונדערט אויף דעם פליטת פה פון דעם צדיק אין הייליגען יום טוב שבועות. דער צדיק האט געזעהן אז מען וואונדערט זיך אזוי, האט ער זיך אנגערופען "קוקט אריין אין דעם ספר חפץ חיים על התורה פרשת משפטים אויף דעם פסוק 'יתום ואלמנה לא תענון', ווי דער חפץ חיים האט געווארט 30 יאר צוזעהן וואס עס וועט געשעהן?"

יא, רבותי! עס האט פאסירט אסאך ערגערס פון דעם, דער זיהן פון כ"ק אדמו"ר שליט"א איז בחייו או'אפ פון אידישען וועג. ער שרייט אפען איך בין א צדוקי, איך וויל און איך וועל אויס'שמד'ן אלע תלמידים וחסידים פון סאטמאר, עפ"ל. היו לא תהיה!

**די זאלי המטורף:** געדעק גוט! דו פירסט נישט קיין מלחמה נישט מיט פאפא, צעהלים, קלויזענבורג, באיאן, ווין, סקווירא, וויזניץ ב"ב. ניין און נאך א מאל ניין. דו פירסט א מלחמה מיט תלמידים פון רביה"ק זי"ע, מיר זענען מלומדי מלחמה, די מלחמה וועט אנקומען ביז וואשינגטאן און מעדיסאן סקוועער גארדנס!!!

---

## מסירת נפש

געדענקט, מיר זענען תלמידים פון רבינו הקדוש זי"ע וואס האט זיך מוסר נפש געווען אויף יעדען קוצו של יוד. קוקט נאך אין דעם ספר וחי אנכי לעולם. מיר זענען גרייט מיט מסירת נפש לוחם צו זיין אקעגען יעדעם וואס ער וועט מבייש דעם נאמען פון רבינו הקדוש ובעלי השלחן ערוך זצ"ל.

ובנועם אלימלך פרשת חקת על הפסוק ויקחו אליך וזה לשון קדשו: * הנה רש"י ז"ל פירוש מלת אליך * ואמנם עוד לאלוה מלין * ואפשר לפרש כי הנה עבודת מתנה נתונה להצדיק להיות מושל באלקים הקדוש ברוך הוא גוזר והצדיק מבטל. ואף גם זאת ביד הצדיק להשפיע לכל העולם ושלש אלה יעשה להם לישראל בפעלותיו ומעשיו הקדושים הלא המה חיי ומזוני ובני ואיזה היא עבודה שהצדיק יכול על ידה לבטל גזירות ולהשפיע לעולם הוי אומר זו מסירת נפשו הקדושה והטהורה בשביל כל ישראל ונתאחד באחדות השלימות האמיתי. ועל ידי זה הצדיק נדמה להבורא ברוך הוא שהוא יחיד בעליונים ובתחתונים וכמו כן הצדיק במסירת נפשו ובאחדותו עם כל ישראל נקרא כן ועל ידי זה מבטל גזירות ומשפיע להם כנ"ל ומצינו כתוב בתורה ויקרא לו אל אלקי ישראל ואיתא שהקדוש ברוך הוא קרא ליעקב אל ואל הוא לשון כח כמו שנאמר ואת אילי ארץ לקח * רוצה לומר שהקדוש ברוך הוא נתן ביד הצדיק כח של עוז ותעצומות לבטל גזירות והנה הדבר הזה צריך זיכוך וטהרה גדולה ולבל ימנע לצדיק אחר מאלה הנ"ל והיינו מחשבת מזוני כי פן ואולי על ידי זה יהיה קצת מניע לצדיק מעבודתו לזה תקנו לו אנשי כנסת הגדולה התפלה והם שלש ראשונות ושלש אחרונות ואמצעות * ואמרינן בגמרא המתפלל צריך שיכרע עד שיראה איסור כנגד לבו רוצה לומר שצריך לכרוע ולהשפיל ולהכניע עצמו עד שיראה איסר היינו מעו"ת הפרנסה כנגד לבו פירוש כאלו הוא מזומנת ומוכנת כנגד לבו שלבו בטוח בהשם יתברך שיש לו כל צרכו ועל ידי זה אין לו שום מניעה ויכול להיות מסירת נפשו בזכות ובצלילות ויגיע לאחדות האמיתית כדבר הידוע למביני שכל ומדע ששלש ראשונות בלתי אפשרי להיות כי אם על ידי מסירת נפש ואחדות. וכו'. ועיין לקמן מה שכתב בענין הצדוקים.

פסק'ענען שוין ב"ה שאלות איבער 50 יאר, ומעולם לא יצאה מכשול מתחת ידם... נישט וויא דער ליידאק וואס רופט זיך מנהל התאחדות הרבנים וואס האט שוין מכשיל געווען יודען מיט חמץ בפסח אין תשל"ח. מיט חֵלֶב און טריפה פלייש, אין תשמ"ב. מיט ערכאות אין אלע יארן, מיט חֵלֶב טריפה, אין תשנ"ו. מיט יין נסך טריפענע עסיג, אין תש"נ. מיט קטניות אין פסח אין תשס"א. מיט פאלשע דין תורות אלע יארן, וכדומה.

עס איז בכלל נישטא אזא ארגאניזאציע "התאחדות הרבנים" עס איז א פריוואטער מענטש, א ביזנעסמאן, איצא גליק ושותפיו, וד"ל.

### אחד הרע-בנים - האמת שהוא אחד הצדוקים

זיי זענען נעבעך מבזה דעם רבין זי"ע כאחד הריקים. דער "אחד הרע-בנים" שרייבט אין דער איד, אז אין מאנרא האט זיך דער רבי געפרייט צום עירוב, און אין וויליאמסבורג האט ער געשריגען, וויל "איד" נישט, "איך" וויל נישט קיין עירוב נאר אויף קליימער סטריט. נאר ביי מיר וויל איך, נישט ביי דיר, איז דען דא א גרעסערע חוזק געמאכט פון רבין זי"ע פון די ווערטער, היתכן אין מאנרא איז דען דא א בעל הבית, זיי האלטען דאך אז עס נישטא? און וואס וועט זיין אין צוואנציג יאר ארום??? זעהט אויס אויף מאנרא איז דא א הבטחה.

נאך שרייבט ער: ושמעתי ממרן רבינו הגאון הגדול ר' יואל טייטלבוים שליט"א אבדק"ק סאטמער (וואו איז דער טיטול הקדוש אדער רשכבה"ג, אדער עכ"פ הגה"צ, וואס טוט זיך דא??) שאמר שהכוונה שעל ידי טרדתו בגירסא אי אפשר לו להשגיח כראוי על העירוב. נו געוואלד, וואס איז אין מאנרא, דארט איז דען נישט שייך דער טעם?

ער שרייבט אז איינער איז מחמיר איז ער נישט קיין צדוקי... יא, יא, אבער אז איינער איז מוחה אדער שרייט נאך מענער און פרויען און גאונים וצדיקים, דער איז נאך טויזענט מאל ערגער ווי א צדוקי, ער איז פשוט א רשע א אומפארגינער וואס פארגינט נישט יענעם דאס לעבען נאר אני און נאכאמאל אני.

### ווער זענען די בעלי מחלוקת

די בעלי העירוב וואס האבען נאך קיינמאל נישט געמאכט קיין מחלוקת, אדער די רשעים וואס פירן שוין מחלוקת יארן. איהר מיינט די גאס איז בלינד?

1) מחלוקת פאפא
2) מחלוקת בעלז
3) מחלוקת וויזניץ ב"ב
4) מחלוקת סערעד חיפה
5) מחלוקת קיוויאשטד (קווינס)
6) מחלוקת קרעטשניעוו
7) מחלוקת ספינקא
8) מחלוקת וואידיסלאוו
9) מחלוקת מיט בני יואל.
10) מחלוקת מיט הרה"צ רבי מעכל לעבאוויטש, מען האט איהם אראפ געזוארפען אין שמחת תורה מיט די תורה הקדושה אין די האנט.
11) מחלוקת נחמן בראך.
12) מחלוקת אלטע רעבעצין.
13) מחלוקת קאשוי.
14) מחלוקת וויזניץ מיטן פייפער, א צדיק קדוש וטהור וואס האט קיינמאל קיינעם נישט ווי געטוהן, א רבי וואס ווייסט נישט מער ווי אורייתא וקוב"ה וישראל חד הוא. מיט זייער פייפער האבען זיי גורם געווען חילולי שבת פאר א גאנצע שטאט, אן עיר ואם בישראל ווי מאנסי!
15) מחלוקת הויניאד.
16) מחלוקת באבוב.
17) מחלוקת קלויזענבורג.
18) מחלוקת סקווער. מען האט דעם פריערדיגען הייליגען סקווערער רבין שיעור בלינד געמאכט, ווייל מען האט מורא געהאט אז ער וועט ווערען גרוים.
19) מחלוקת סקווער בארא פארק
20) מחלוקת סקאליע.
21) מחלוקת טאש.
22) מחלוקת וויזניץ ב"ב.
23) מחלוקת ליובאוויץ.
24) מחלוקת און מוציא שם רע אויף אלע גדולי ישראל, אהן קיין אפהאלט!
25) יעצט פירט מען מחלוקת מיט אהיו הגדול.
26) יעצט מחלוקת נגד העירוב.

נו, זאגט אליין, ווער זענען די בעלי מחלוקת.

משוגעים וואס איר זענט, די גאס איז נארמאל, עטס זענט פשוט בלינד און משוגע, און עטס מיינט אז די גאס האלט פון ענק?

[קוקט אריין אין דעם נייעם ספר "ווער זענען די בעלי מחלוקת?"]

### מעשה נורא אין שאפראנער קעמפ אין סאוט פאלסבורג

דער גרויסער-הויכער-ברייטער צדוקי הערשל מייזעליש, וואס האט מכלומר'שט גע'ירש'נט זיין שווערס רבנות אין שאפראן, וואס ער פירט שוין א מלחמה כבידה מיט זיין חשוב'סטען זון הגאון הצדיק המפורסם רבי דוד משה שליט"א, ער האט דאמאלס פשוט איבערגעקערט די גאס. יעצט בילט ער קעגען עירוב. זענען געגאנגען די קינדער אין זיין קעמפ און האבען געשריגען, אז דער עירוב איז א טמא'נע זאך. טאר דאך אין קעמפ אויך נישט זיין קיין עירוב. האבען זיי אין אייגענעם קעמפ אראפגעריסען דעם אייגענעם עירוב. רבם דקרו. אבער זיי זענען דאך גערעכט אז דער עזות פנים הערשל מייזעלס קען גיין און מעיז זיין קעגען אלע קהילות אין וויליאמסבורג און זייערע רבנים, קומען די קינדער און טוען איהם צוריק על אפו ועל חמתו.

צענדליגער עלטערן האבען אנגעהויבען ארויסנעמען זייערע קינדער פון שאפראן. זיי ווילען נישט אז זייערע קינדער זאלען באקומען אזא פינסטערען עזות'דיגען חינוך ר"ל, און דער הערשל מייזעלס אנשטאט ער זאל תשובה טאן און אנווארענען די קינדער זיך אפצולאזען פון די צדוקי'שאפט, האט ער נאך מוסיף געווען חטא על פשע און נאכגעבילט זיין קרוב רבי יצחק מאשקאוויטש וואס האט געשאלטען די יודישע קינדער אזוי וויא בלעם הרשע און האט געזאגט אזוי וויא די ימים טובים הבעל"ט פאלן אויס שבת. דעם ערשטען טאג ראש השנה און דעם ערשטען טאג סוכות און שמיני עצרת ממילא וועט דאך יעדער טראגען, על כן וויל ער דעם ערשטען טאג סליחות מאכן אן אסיפה מיט זיינע תלמוד תורה קינדער. האבען איהם די טאטעס געווארענט אז טאמער ער וועט נישט אויפהערען באצייטענס, קען ער פארמאכען זיין תלמוד תורה.

אין צוהלעם האבען זיך שוין איינגעמאלדען נעקסטען זמן איבער 600 קינדער, און אין פאפא האבען זיך איינגעמאלדען 300 קינדער. אויך אין ווין 2 הונדערט, און טאמער די קרית יואל סאטמער חסידות וועלען עפענען א תלמוד תורה וועלען זיי שוין האבען איבער 2000 קינדער בלי עין הרע. לאמיר זעהן וואס דער שאפראנער וועט טוהן קעגען שלמה המלך.

## מעשה נורא פון סאטמארער חוליגאן

א יונגערמאן א סאטמארער וואס דאוונט אין בראסלאווער שוהל אין וויליאמסבורג, האט געזעהן א פרוי טראגט עפעס, איז ער צוגעלאפען צו די פרוי און האט אויפגעהויבען די הענט און איר נאכגעשריגען ביים נאמען. ער האט זיך גארנישט געשעמט. דאס איז דער סימן מובהק אז ער איז טמא ומטומא, ער ליגט אין שמוץ, נאר נאכשרייען קען ער. און אזעלכע ליידאקעס טוט ווי דער עירוב. עס איז דאך פשוט א געלעכטער. עס איז נאך דא א פאר איידעלע יודען אין ברסלב, און האבען געזאגט אז טאמער די פאר סאטמארער שקצים (וואס דער רבי האט ממילא געלאכט פון ברסלב) גייען נישט אוועק דאווענען פון ברסלב, און הערן אויף צו מאכען דאס בית המדרש וויא א שיכורים קלאב, שפארן זיי צו דאס בית המדרש. די אנדערע וואך וועלען מיר מפרסם זיין די נעמען פון די טמא'נע יונגעלייט וואס שרייען נאך אויף די גאס.

בעזהשי"ת

**שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת אָנוּ, כְּמוֹ אֲבוֹתֵינוּ,**
**בְּעַד הָעֵירוּב כּוּלָנוּ, בַּעֲלֵי הַשּׁוּלְחָן**
**עָרוּךְ וּגְדוֹלֵי אֶרֶץ אִתָּנוּ,**
**נֶגֶד רְצוֹנָם אֵין אָנוּ עוֹשִׂים,**
**אֵין אָנוּ עוֹשִׂים.**
**וּבְעֵירוּבָם אָנוּ מִתְעָרְבִים,**
**אָנוּ מִתְעָרְבִים.**
**וּבְפִתָּם אָנוּ מִשְׁתַּתְּפִים,**
**אָנוּ מִשְׁתַּתְּפִים.**
**דֶּרֶךְ אֲבוֹתֵינוּ, לָנוּ וּלְבָנֵינוּ,**
**עַד יְמֵי עוֹלָם, שׁוֹמְרֵי שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ.**